STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04803

DI ARBEYTSLOZIGKEYT

M. Goldfarb

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. A. Everett & Ruth Elizabeth Rosen
in memory of
Elias Henry Rosen, 1933 & Lena Rachel Rosen, 1950

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

UNEMPLOYMENT

THE PROBLEM AND ITS SOLUTION

by

Dr. M. GOLDFARB.

די ארבייטסלאזיגקייט

וואס זי איז, און ווי אזוי זי קען געלעזט ווערען

פון דר. מ. גאָלדפארב.

פרייז 5 סענט

ארויסגעגעבען פון דער
איד. סאציאליסטישער פעדעראציאן פון אמעריקא
175 איסט בראָדוויי
ניו יאָרק.
פעברואר, 1915.

46

די ארבייטסלאזיגקייט

דורך אלע דורות פון דער היינטיגער געזעלשאפט, איבער אלע לענדער פון אונזער ציוויליזאציע ציהט זיך די מגפה, וואס רופט זיך ארבייטסלאָזיגקייט. דער מעכטיגער קאפּיטאל, וואס שאפט אזוי פיעל וואונדער, שטעהט נאָך היינט־צו־טאָג הילפלאז געגען דער וואקסענדער קראנקהייט, וואס ווערט יעדעס מאָל אלץ שרעקליכער און געפעהרליכער. בעזונדער מאכטלאז זענען געגען דער ארבייטסלאָזיגקייט די הערשענדע קלאסען פון די פעראייניגטע שטאַאטען. ווען א גרויסער קריזיס איז אויסגעבראכען אין אמעריקא אין יאָהר 1893 אונטער דער הערשאפט פון די דעמאקראטען, האָבען די רעפּובליקאנער די גאנצע שולד פאר דעם קריזיס און פאר דער ארבייטסלאָזיגקייט, וואס ער האָט מיט זיך געבראכט, ארויפגעווארפען אויף דער דעמאקראטישער פּארטיי. די ראָד פון'ם פּאָליטישען לעבען האָט זיך איבערגעדרעהט — די דעמאקראטען זענען ארונטערגעפאלען און זייער פּלאץ ביי דעם רודער האָבען די רעפּובליקאנער פערנומען. געקומען איז דער קריזיס פון יאָהר 1907. ווידער א שרעקליכע מחנה פון ארבייטסלאָזע, וואָס האָט דערגרייכט די סומען פון זיעבען מיליאָן. וועמען האָט מען איצט געזאָלט בעשולדיגען? מ'האָט מיט א פּאָר יאָהר צוריק דעם רעפּובליקאנער פּרעזידענט טאַפט צו דער וואנט צוגעקוועטשט מיט דער פראגע וועגען ארבייטסלאָזיגקייט. ער האָט אָבער די פראגע פערענטפערען ניט געקענט. ער האָט דעם עולם אן אנווייזונג צום אויבערשטען געגעבען, מיט דער ערקלעהרונג, אז איין גאָט אין הימעל וויים פון וואנען די שרעקליכע צרה איז געקומען. ווייטער האָט זיך די ראָד איבערגעדרעהט. די הערשאפט איז ווידער צו די דעמאקראטען איבערגעגאנגען. א נייער קריזיס איז געקומען. — „ארבייטסלאָזיגקייט", שרייבט די אמעריקאנער סאָציאליסטישע פּארטיי צום פּרעזידענט, „וועלכע איז שטענדיג אן ערנסטער אונגליק, האָט היינטיגס יאָהר דערגרייכט צו א שרעקליכע מדרגה. ניט ווייניגער ווי דריי מיליאָן, און אפשר פינף מיליאָן מענשען,

זענען ארבייטסלאָז אין איצטיגער צייט". וואס ענטפערט אבער דער געלעהרטער דעמאקראטישער פרעזידענט, פראָפעסאר ווילסאָן? ער גיט אן אָנווייזונג צום „גייסט". ער טענה'ט, אז דער עולם איז „גייסטיג" דערשראקען, נידערגעשלאגען און דערפאר געהען עס די געשעפטען אזוי שלעכט און טויזענדער בלייבען אָהן ארבייט און אָהן ברויט. טאַפט'ס גאָט און ווילסאָן'ס גייסט זיינען אָבער א קנאפּע נחמה פאר די אונגליקליכע, וואס ליידען פון הונגער און נויטה.

איין זאך האָבען שוין אבער איצט אלע פערשטאנען, נעמליך, אז ניט דער ארבייטער איז שולדיג אין דעם, וואס ער האָט קיין ארבייט ניט. די זיידעס פון'ם היינטיגען ארבייטסלאָזען האָט מען געשמיסען ביז צום בלוט דערפאר, וואס זיי האָבען קיין ארבייט ניט געקענט געפינען. ווי געפעהרליכע פערברעכער האָט מען זיי מאססענווייז אויסגעהאָנגען. דער קאפּיטאל האָט דעם פויער פון זיין ערד בערויבט און אין שטאדט פערטריבען. ביי דעם האנדווערקער האָט ער זיינע אינסטרומענטען צוגענומען און האָט איהם געטריעבען זיין ארבייט אויף דעם מארק צו פערקויפען. ווען דער „פרייער" ארבייטער, וואָס האָט שוין ניט געהאט קיין ערד און קיין איינענטהום, האָט געזוכט ארבייט און האָט ניט געקענט געפינען, האָט איהם דער קאפּיטאל פריהער מיט שמיץ און נאכדעם מיט דער תליה בעשטראפט. דער ארבייטער איז ערקלעהרט געוואָרען אלס שולדיגער דערפאר, וואָס ער האָט ניט געקענט געפינען קיין ארבייט. דאָס לעבען האָט אָבער דערוויזען, אז די ארבייטסלאָזיגקייט איז ניט דעם ארבייטערס שולד — דאָס איז גיכער זיין אונגליק. אזוי איז די ענגלישע רעגיערונגס קאָמיסיע, וואָס האָט געפּארשט די פראגע וועגען ארבייטסלאָזיגקייט, געקומען צום שלוס, אז „דער אונגליק פון מאנגעל אין ארבייט, וועלכער פערגרעסערט דעם יאָך אין די געדריקטע צייטען, איז א שטענדיגע ערשיינונג פון האנדעל און אינדוסטריע אזוי ווי זיי ווערען איצט געפיהרט". אז ארבייטסלאָזיגקייט איז א שטענדיגע ערשיינונג פון האנדעל און אינדוסטריע, דאָס גיבען צו כמעט אלע, וואס פארשען די פראגע. מען קען שוין אפילו די אלגעמיינע ערשיינונג אין ציפערען אויס־

רעכענען. אזוי איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אז די ארמעע פון ארבייטסלאָזע אין דייטשלאנד בעשטעהט דורכשניטליך פון אן ערך פון דריי הונדערט טויזענד ארבייטער. די צאָהל איז גרעסער ווינטער ווי זומער, אין די געדריקטע צייטען ווי אין די „גוטע" צייטען. די צאָהל ארבייטסלאָזע מאכט דאָרט פון 6 ביז 13 פון יעדע הונדערט ארבייטער, לויט די פערשיעדענע צייטען דורך'ן יאָהר און לויט די פערשיעדענע צושטענדע פון דער אינדוסטריע. דער צענזוס פון 1901 יאָהר האָט געוויזען פאר פראנקרייך אריבער דריי הונדערט טויזענד ארבייטסלאָזע. די צאָהל פון ארבייטסלאָזע איז דאָרט צווישען 7 און 14 אויף יעדע הונדערט ארבייטער. בעזונדער טרויעריג איז די שטענדיגע ערשיינונג דאָ אין די פעראייניגטע שטאאטען. דער צענזוס פון 1890 יאָהר האָט געוויזען 15 ארבייטסלאָזע אויף יעדע הונדערט ארבייטער. די צענזוסען פון 1900 און פון 1910 האָבען אונז שוין געוויזען אז 22 פּראָצענט פון אלע ארבייטער זיינען ארומגעגאנגען א געוויסע טהייל פון'ם יאָהר אָהן ארבייט.

געוויס, האָבען די ארבייטסלאָזע געזוכט ארבייט, זיי האָבען אָבער קיין ארבייט ניט געקענט געפינען. אפילו די גרויסע צדקה חברות, וואס האָבען רייכע פערבינדונגען האָבען ניט געקענט געניגענד העלפען די ארבייטער, וואס האָבען זיך צו זיי געווענדעט, צו געפינען פאר זיי ארבייט. די ארבייטס־אָנווייז ביוראָ פון דער רעטונגס ארמעע (סאלוועישאן ארמי) האָט געפונען בעשעפטיגונגען בלויז פאר פינף הונדערט פון די פינף טויזענד, וואס האָבען זיך צו איהר געווענדעט. די אינפארמאציאָנס אבטהיילונג פון דער אימיגראנטען ביוראָ פון די פעראייניגטע שטאאטען האָט געקראָגען ארבייט נור פאר 3812 פון די 24 טויזענד, וואס האָבען דורך איהר ארבייט געזוכט. נאָך שוואכערע רעזולטאטען האָבען געגעבען די קלענערע איינריכטונגען, וואס האָבען אנגענומען צו געפינען ארבייט פאר די ארבייטסלאָזע. פיעל מיה און צייט האָבען אויף דער ארבייט צו זוכען בעשעפטיגונג אוועקגעגעבען די יוניאָנס, הויפּטזעכליך אין אייראָפּא. זיי זיינען אָבער אויך ניט געווען בכח צו פערניכטען די ארבייטסלאָזיגקייט. איצט איז שוין קלאָהר ווי דער טאָג, אז די ארבייטסלאָזיגקייט קומט דערפון, וואס אין פער־

שיעדענע צייטען און אין פערשיעדענע טריידס האָבען מיר מעהר ארבייטער ווי ארבייט, מעהר מענשען וואָס זוכען בעשעפטיגונג ווי בעשעפטיגונגען, וואס וואלטען זיי געקענט געבען א געלעגענהייט צו מאַכען א לעבען. אנדערש גערעדט, אחוץ דער ארמעע פון ארבייטער ביי דער ארבייט האָבען מיר אויך א בעשטענדיגע רעזערוו ארמעע, וואס זוכט ארבייט. די ביידע ארמעען זיינען פון דעם זעלבען טייג געקנאָטען, זיי זיינען ביידע פון די קינדער פון׳ם ארבייטער קלאַס צוזאמענגעשטעלט. דער שפּיעל פון׳ם צופאל שאַפט צווישען די ביידע ארמעען א בעשטענדיגע בעוועגונג. אונטער געוויסע אומשטענדען, ווערען ארבייטער פון דער ארבייט אוועקגעריסען און פאלען אריין אין דער רעזערוו ארמעע. פון דער רעזערוו ארמעע ווערען ווידער אנדערע צו רער ארבייט גענומען. יעדער ארבייטער איז אין א שטענדיגען ג ע פ א ה ר ארבייטסלאָז צו ווערען. דער פליסיגער אזוי גוט ווי דער פוילער דער מעכאניק אזוי גוט ווי דער איינפאכער ארבייטער. דער ארבייטסלאָזער שפּייזט זיך שטענדיג מיט דער ה אָ פ נ ו נ ג צו געפינען ארבייט. עס ווענדעט זיך פון׳ם קאפּריז פון אונזער אונאָרגאניזירטען עקאָנאָמישען לעבען, ו ו ע ן דער געפאהר פון׳ם ערשטען זאָל אין א טרויעריגען אמת זיך פ ע ר ו ו א נ ד ל ע ן און ווען די זיסע האָפנונג פון׳ם צווייטען זאָל פערווירקליכט ווערען.

די אורזאכע פון ארבייטסלאָזיגקייט

ווען מיר פאָרשען די ארבייטסלאָזע אין א בעשטימטער צייט און אויף א בעשטימטען פּלאַץ קען זיך אונז לייכט אויסווייזען, אַז מיר האָבען דאָ פּשוט צו טהאָן מיט א גאַנצער רייהע אונגליקליכע פעלע. אָט איז א גרופּע ארבייטסלאָזע. זיי האָבען די ארבייט פערלארען, ווייל דאָס געשעפט איז אין אַן אנדער שטאדט איבערגעפיהרט געווארען. א צווייטע, — דער בעל הבית איז געשטארבען און דאס געשעפט האָט זיך געשלאָסען. א דריטע—דאָס געשעפט איז רואינירט געוואָרען. א פערטע—פערשיעדענע געשעפטען האָבען זיך פעראייניגט און א טהייל פון זייערע אָנגעשטעלטע זיינען אָהן ארבייט געבליעבען. א פינפטע—זיי האָבען ארבייט אין בעשטימטע

צייטען פון'ם יאָהר און איצט איז אין זייער טרייד סלעק. א זעק־סטע, א זיעבענטע, אן אכטע, און אזוי אָהן א שיעור פערשיעדענע גרופּען, וואס האָבען ניט קיין ארבייט צוליעב פערשיעדענע אור־זאכען, וואס שיינען אונז אָפּט צו זיין צופעליגע. מיר האָבען שוין אָבער געזעהן, אז די צופעליגע אורזאכען בילדען א ש ט ע נ ד י־ג ע ע ר ש י י נ ו נ ג און דערפאר דארפען מיר זוכען די שטענ־דיגע, אלגעמיינע אורזאכען פון דער שטענדיגער און אלגעמיינער צרה.

פיעלע שכל'דיגע טעאָריעס זיינען געשאפען געוואָרען די אר־בייטסלאָזיגקייט צו ערקלעהרען. די אלע טעאָריעס האלטען אָבער ניט אוים דעם שטרענגען עקזאמען פון'ם לעבען. אויף איינער פון זיי װעלען מיר זיך דאָ איין רגע אפּשטעלען איידער מיר װעלען איבערגעהן צו דער אויסטייטשונג פון דער ארבייטסלאָזיגקייט אין דער ליכט פון'ם וויסענשאפטליכען סאָציאליזם. מיר מיינען די בעריהמטע טעאָריע, אז די בעפעלקערונג פערמעהרט זיך צו שנעל און עס סטייעט פּשוט ניט פאר אלעמען קיין ארבייט, און דער עיקר, עס קלעקען ניט קיין לעבענסמיטלען, פאר אלע די וואס לעבען. אָט יענע טעאָריע וויל דערווייזען, אז די לעבענסמיטלען פערמעהרען זיך לאנגזאמער, ווי די מענשען, וואס געברויכען די לעבענסמיטלען. ווייטער וועלען מיר גענויער זעהן, ווי פאלש די טעאָריע איז. דער־ווייל איז כדאי צו בעמערקען, אז אפילו אין אמעריקא, וואו אחוץ דעם נאטירליכען וואוקס פערמעהרט זיך אויך די בעפעלקערונג דורך דער אימיגראציע, וואקסט דאָך דאס רייכטהום פיעל שנע־לער ווי די בעפעלקערונג. אזוי האָבען מיר דאָ געהאט אין 1900 יאָהר 76 מיליאָן איינוואָהנער, און דאס רייכטהום פון'ם לאנד האָט בעטראָפען אריבער 88 טויזענד מיליאָן דאָל. אין 1910 האָט די צאָהל פון דער בעפעלקערונג דערגרייכט 92 מיליאָן. דאס רייכטהום איז אָבער געשטיגען שוין ביז 142 טויזענד מילאָין דאָל., דאס מיינט אז די בעפעלקערונג איז פערגרעסערט געוואָרען אויף 21 פראָצענט, בעת דאס רייכטהום איז אויסגעוואקסען אויף גאנצע 60 פראָצענט. אין ענגלאנד איז די בעפעלקערונג פאר די לעצטע 40 יאָהר פערגרע־סערט געוואָרען אויף א דריט חלק, דער אלגעמיינער איינקונפט פון דער גאנצער בעפעלקערונג איז מעהר ווי פערדאָפּעלט געוואָרען.

ניין, עס ווייזט אויס, אז די זאך איז ניט אין דעם, וואס דאס רייכטהום וואקסט צו לאנגזאם. די ארזאכען ליגען ערגעץ אנדערש.

א) די טעכניק פון דער פראָדוקציאָן.

דער מענש איז א חיה וואס בענוצט זיך מיט אינסטרומענטען און דאָס אונטערשיידעט איהם פון אלע איבריגע חיות. קיינמאָל האָבען אָבער די אינסטרומענטען פון דער פראָדוקציאָן ניט געשפיעלט אזא גרויסע ראָלע, ווי אין דער היינטיגער געזעלשאפט. די היינטיגע קאפיטאליסטישע געזעלשאַפט איז געבוירען געוואָרען אין קאמפף געגען דער פוילקייט און אָבגעלאזענהייט פון דער פריציש־פעאָדאלער געזעלשאפט. די גאנצע צייט וואס די נייע געזעלשאפט לעבט האלט זי אין פערבעסערען די מאשינערי פון דער פראָדוקציאָן. אויף דעם געביעט האָט זי באמת וואונדער געשאפען און נאָך איצט רעוואָלוציאָניזירט זי נאָכאנאנד אלע פראָדוקציאָנס אינסטרומענטען. יעדער נייער אינסטרומענט, יעדע נייע מאשין, יעדע נייע טעכנישע פערבעסערונג מאכט די ארבייט ש פּ א ר ע ו ו ד י ג ע ר, דאס מיינט אז די פערבעסערונג פון דער טעכניק גיט א מעגליכקייט צו מאכען די זעלבע ארבייט און אָפט אפילו פיעל מעהר מיט א קלענערער צאָהל ארבייטער, ווי עס האָט זיך געפאָדערט אונטער דער אלטער טעכניק. די איבריגע ארבייטער ווערען ארויסגעוואָרפען אויף דער גאס. זיי מוזען געהן זוכען אנדערע ארבייט, און ביז די גליקליכע שטונדע וועט קומען מוזען זיי זיך פערשרייבען אין דער רעזערוו ארמעע פון ארבייט. יעדע נייע מאשין פערגרעסערט די רעזערוו־ארמעע, און אזוי ברענגט אונז די ענטוויקלונג פון אונזער טעכניק א בעשטענדיגע ארבייטסלאָזיגקייט. געוויס, מאכט אויך די ענטוויקלונג פון דער טעכניק ביליגער פיעלע פראָדוקטען און דאס גיט א געלעגענהייט בכלל צו פערגרעסערען די פראָדוקציאָן און נייע ארבייטער כחות צוצוציהען. אויך ווערט בעשאפען א נייע גרויסע צווייג פון דער פראָדוקציאָן, וואס וואקסט אין היינטיגער געזעלשאפט מיט א וואונדערבארער שנעלקייט, נעמליך די פראָדוקציאָן פון די מאשינען גופא. אָבער קיינמאָל קען די פראָדוקציאָן פון דער מאשין ניט פערנעהמען די אלע ארבייטער, וואס די מאשין שטופט ארויס. בכלל איז א גרויסער טעות צו

מיינען, אז דער ארבייטער וואס ווערט ארויסגעשטופט פון זיין פראָדוקציאָן בעקומט אויף'ן פלאץ זיין בעלוינונג. ניין, יעדע רעוואָלוציע אין דער טעכניק פון א בעשטימטען טרייד פערשאפט ליידען דעם ארבייטער פון'ם טרייד. די רעוואלוציע איז אָבער א בעשטענדיגע. אויך פערשפרייט זי זיך וואס ווייטער אלץ אויף מעהרערע טהיילען פון דער פראָדוקציאָן, און אזוי ווערט זי א שטענדיגער כח, וואס שאפט די *שטענדיגע ערשיינונג* פון אונזער געזעלשאפטליכען לעבען—די ארבייטסלאָזינקייט. די טראגעדיע פון די וועבער, וואס ציהט זיך שוין צעהנדליגע יאָהרען און ווערט געשפיעלט אין פערשיעדענע לענדער, איז א ברייט בעקאנטער פאקט. די לעצטע אקטען פון דער טראגעדיע ווערען איצט געשפיעלט אין רוסלאנד און די אידישע ארבייטער פון לאדז, ביאליסטאָק און אנדערע צענטרען פיהלען איצט דעם טעם פון דער טראגעדיע אויף זייער אייגענער הויט.

די ענטוויקלונג פון דער טעכניק בענוגענט זיך אָבער ניט דערמיט, וואס זי מאכט די ארבייט שפּאָרעוודיגער—זי מאכט אויך די ארבייט *גרינגער* און דאס גיט איהר א געלעגענהייט אריינצוציהען אין דער קאפיטאליסטישער ראָד די פרוי און דאס קינד. אָט הערט אן ערקלעהרונג, וואס איז געגעבען געוואָרען פון א גרויסען פאבריקאנט נאָך צוריק מיט 65 יאָהר: „די ארבייט פון יעדען ארבייטער ביי דער מאשין בעשטעהט ניט אין דעם, אז ער אליין זאָל עפּעס אויפטהאָן. ניין, ער דארף נאָר אכטונג געבען אויף דער שעהנער ארבייט פון דער מאשין. דאס קען טהאָן אפילו א אינגעל. דער קלאס פון ארבייטער, וואס האָט געלעבט פון זיין פאך־ארבייט איז איצט דערוויטערט. פריהער פלעג איך האלטען פיער אינגלעך אויף יעדען מייסטער, א דאנק אָבער די נייע מעכאנישע קאָמבינאציעס האָב איך פערקלענערט די צאָהל דערוואקסענע ארבייטער פון 1500 ביז 750. דער רעזולטאט איז אז מיין פּראָפיט איז פערגרעסערט געוואָרען". די רעדע איז א גאנץ אָפענהערציגע. דער רעזולטאט איז אָבער בעשטאנען ניט בלויז אין דעם, וואס דער קאפיטאליסטישער פּראָפיט איז פערגרעסערט געוואָרען, נור אויך אין דעם, וואס *נייע 750 לייטע זיינען* **ארבייטסלאָז געבליבען** און אינגלעך האבען זייער

פאַלץ פערנומען. אמת, מיר האָבען היינט געוויסע געזעצע, וואס בעגרענצען די ארבייט פון דער פרוי און פון די קענדער. דאָ אין די פעראייניגטע שטאאטען איז די געזעצגעבונג אויף דעם געביעט אַם שוואכסטען ענטוויקעלט, נור אין ערגיץ קענען אָבער די געזעצע אינגאנצען ניט אויסשליעסען די צוויי נייע גרופען פון עקספּלואַ־טירטע ארבייטער. די פאָרשונגען ווייזען אויך, אז אפילו די גע־זעצען, וואס זיינען שוין דורכגעפיהרט געוואָרען אויף דעם געביעט ווערען אויך ניט אָפּגעהיט. אזוי מאכט די פערבעסערטע טעכניק די ארבייט שפּאָרעוודיגער און גרינגער און דערמיט אליין די צאָהל פון די ארבייטסלאָזע גרעסער.

ב) די פאָרמע פון דער פּראָדוקציאָן.

דער מענש איז א געזעלשאַפטליכע חיה, זיין געוועהנליכע, נאַטיהָליכע שטרעבונג איז אויסצוניצען די אַלע מעגליכקייטען, וואס די געמיינזאמע, געזעלשאַפטליכע ארבייט קען נור שאפען. ס'איז קיין ספק ניט, אז די היינטיגע קאפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט האָט אויך אויף דעם געביעט א גוואלדיגען פאָרשריט געמאכט. געווים האָט די מאשין פיעל מיטגעהאָלפען צו שאפען די געזעל־שאַפטליכע פּראָדוקציאָן, וואס מיר האָבען היינט. נור אויך איידער די היינטיגע מאשינערי איז געבוירען געוואָרען האָט די קאפּי־טאַליסטישע געזעלשאַפט געפיהרט א קאמפּף געגען דעם בעל מלאכה, דעם קליינעם הענדלער, דעם אָרימען פויער, קורץ געגען אַלע די, וואס האָבען געארבייט זעלבסטשטענדיג. די פעראייניגונג פון קליינע אונטערנעהמונגען אין גרעסערע, גרעסערע אין גרויסע, גרויסע אין ריעזיגע, דאס איז אין קורצע ווערטער די טענדענץ פון דער קאפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. די טענדענץ איז באמת דורכגעפיהרט געוואָרען מיט אייזען און בלוט. אַלע שטערונגען וואס די קאָנצענטראַציאָן האָט בעגעגענט אויף איהר וועג זיינען פערניכטעט געוואָרען און דער קאפּיטאַל האָט געפייערט איין נצחון נאָך דעם צווייטען. ניט דאָ איז דער פּלאַץ צו בעשרייבען אַלע רעזולטאטען, וואס דער איבערגאנג פון׳ם זעלבסטשטענדיגען בעל מלאכה, וואס האָט געארבייט פאר זיך אין זיין קליינעם שאפּ צו דער היינטיגער ריעזיגער פאבריק האָט געבראכט. פאר אונז

איז אָבער וויכטיג צו פערשטעהן, ווי אזוי די רעוואָלוציע האָט געווירקט אויף דער שאפונג פון דער רעזערוו ארמעע. טראַכטען מיר זיך איין אין דער פראגע, זעהען מיר, אז די רעוואלוציע אין דער פ אָ ר ם פון דער פראָדוקציאָן ווירקט אין דער זעלבער ריכטונג, ווי די רעוואָלוציע אין דער ט ע כ נ י ק פון דער פראָדוקציאָן. יעדער ארבייטער בעקומט די געלעגענהייט אין זיין קליינער טהייל פון דער ארבייט זיך צו ספּעציאַליזירען. ס'איז קלאָרה אויך אָהן פאקטישע בעווייזע, אז ווען פערשיעדענע מענשען טהוען פערשיעדענע טהיילען פון דער ארבייט וועט דער רעזולטאט זיין א גרעסערער, ווי ווען יעדער זאָל טהוען אלע טהיילען פון דער ארבייט. אזוי מאכט אויך די געזעלשאפטליכע פאָרם פון דער פראָדוקציאָן די ארבייט שפּאָרעוודיגער, פּונקט ווי די מאשין. יעדער איבערגאנג צו אן העכערער פאָרם פון געזעלשאפטליכער ארבייט מיט א שטארקערער ספּעציאַליזאציע מאכט א געוויסע טהייל פון די ארבייטער אויף א געוויסע צייט פאר איבעריג. נאַטירליך, בלייבט ביי זיי דאס רעכט זיך „צוצופּאסען“, ד. ה. זוכען ארבייט ביי אן אנדער טרייד, אָדער ווארטען און האָפען, אז דער איינענער טרייד א דאנק די פערבעסערונגען אין דער פּראדוקציאָן זאָל פערגרעסערט ווערען. ד ע ר ו ו י י ל אָבער ווערען די ארויסגעשטופּטע, א י ב ע ר י ג ע ארבייטער — ארבייטסלאזע. און דער „דערוויילי“ איז א בעשטענדיגער, ווייל די קאָנצענטרירונג פון ארבייט, אזוי גוט ווי איהר פונאנדערטהיילונג איז א בעשטענדיגע און דאס מיינט אויך אז איהר רעזולטאט, — די „דערווייליגע“ ארבייטסלאָזיגקייט ווערט א שטענדיגע ערשיינונג.

די פארנאנדערטהיילונג פון דער ארבייט, פּונקט ווי די מאשין, פערגרעסערט אויף די צאָהל פון די, וואס ווערען אריינגעצויגען אין דער פּראָדוקציאָן. די ספּעציאליזאציע עפענט א לייכטע מעגליכקייט פאר דער פרוי, אזוי גוט ווי פאר'ן קינד. טאקע דיביידע רעוואָלוציעס—אין דער טעכניק און אין דער פאָרם פון דער פּראָדוקציאָן האָבען געבראכט דערצו, אז פון די זיעבען מיליאָן און פינף און אכציג טויזענד ארבייטער, וואס זיינען געווען בעשעפטיגט אין אונזער אינדוסטריע, לויט דעם צענזוס פון 1910, איז געווען א מיליאָן און דריי הונדערט טויזענד פרויען. די צאָהל פון קינדער

אין דער עלטער פון 10 ביז 15 יאָהר האָט דערגרייכט די סומע פון 1,150,000. דאס בעדייטעט, אז די צאָהל פון די וואס זוכען ארבייט איז שטארק פערגרעסערט געוואָרען.

כדי גוט צו פערשטעהן דעם פאָרטשריט פון דער געזעלשאפט־ליכער פאָרם פון דער פראָדוקציאָן, דארף מען זיך דערמאָנען פאָל־גענדעס. אין אמאָליגע צייטען פלעגט יעדער בעל מלאכה זיין דער בעל הבית און דער ארבייטער אין דער זעלבער צייט. זעלטען האָט ער האָט געהאט ביי זיך נאָך א לעהר־אינגעל. ווען דער תלמיד פלעגט זיך אָבער אויסלערנען, פלעגט ער אליין א מייסטער ווערען. אין 1910 יאָהר האָבען זיך אלע אמעריקאנער ארבייטער געפונען (7,085,309) בלויז אין 268,491 פאבריק אונטערנעהמונגען. דער־ביי האָט זיך די גרעסערע צאָהל ארבייטער געפונען אין א גאנץ קליינער צאָהל אונטערנעהמונגען. אזא גרויסע איבערקעהרעניש האָט ניט געקענט געמאכט ווערען אין איין שטונדע. זי ציהט זיך דורך אלע דורות פון אונזער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. זי האָט נאָך איהר ארבייט ניט פערענדיגט, און פונקט ווי די איבער־קעהרעניש אין דער טעכניק פון דער פראָדוקציאָן שאפט זי א בעשטענדיגע צורודערונג פון'ם געזעלשאפטליכען מעכאניזם. די צורודערונג פון'ם געזעלשאפטליכען קערפער בעשאפט שטענדיגע ענדערונגען אין דעם לעבען פון'ם ארבייטער. יעדע ענדערונג פיהרט דעם ארבייטער דורך דער רעזערוו ארמעע אָדער צו א נייער ארבייט, אָדער אין אבגרונד פון פערברעכען, אָדער גאנץ אָפט אין קבר אריין....

ג) די קריזיסען.

ווי געזאגט, איז די ארבייטסלאָזיגקייט אין דער היינטיגער געזעל־שאפט א שטענדיגע ערשיינונג. אויף אזוי ווייט, אז מען קען אפילו פאַרשען און פערשטעהן איהרע וועגען און איהר ענטוויקלונג. אזוי, כדומה, האָט פרידריך ענגעלס מיט פיעלע יאָהרען צוריק פעסטגעשטעלט, אז „יעדער ווינטער ברייננט מיט זיך די גרויזא־מע פראגע: וואס טהוט מען מיט די ארבייטסלאָזע?" אויך קומען די היינטיגע פאָרשער פון דער ארבייטסלאָזיגקייט צום שלוס, אז די ארבייטסלאָזיגקייט איז מעהר א „ווינטער פראגע". ווידער קען

מען פעסטשטעלען, וואסערע טריידס ליידען מעהר פון דער „ווינטער פראגע“ און וועלכע ווענינער, וועלכע ליידען פון איהר דוקא אין זומער און אזוי ווייטער. קורץ, ס׳איז מעגליך איהרע געזעצען צו פערשטעהן. מאכט זיך אבער פון צייט צו צייט, אז דער געוועהנליכער שטראם פון דער ארבייטסלאזיגקייט ווערט פערוואנדעלט אין א פערפלייצונג. דאן ווערען בטל אלע געזעצען, ס׳פערשווינדען אלע חשבונות און דער ארבייטער אזוי גוט ווי די גאנצע געזעלשאפט ווערט אוועקגעשטעלט פאר׳ן בלוטיגען רעטעניש, וואס מען רופט מיט דעם נאמען: קריזים. דער קריזיס פערמאגט א כישוף כח. ער ברייגנט מיט זיך א שטילשטאנד אהין, וואו נעכטען האט די ארבייט שטורמיש געקאכט, בליהענדע צווייגען פון האנדעל און אינדוסטריע ווערען חרוב; דאס רייכע, אנגעשטרענגטע פיעלפאכיגע לעבען ווערט ווי מיט אמאהל טויט. און אויב אין די שטילע צייטען איז די ארבייטסלאזיגקייט א שטענדיגער בייטש פאר׳ן ארבייטער ווערט זי אין דער צייט פון א קריזיס אין א שמייסענדען האגעל פערוואנדעלט.

וואס פאר א פערבארגענער כח שפייזט דעם קריזיס? ווער און וואס ברייגנט אונז די ארבייטסלאזע פערפלייצונג? אט די פראגען מוזען פערענטפערט ווערען, כדי מיר זאלען ריכטיג פערשטעהן די ארבייטסלאזיגקייט אלס א גאנצע.

מיר האבען געזעהן די צוויי גרויסארטיגע רעוואלוציעס, וואס די היינטיגע געזעלשאפט האט דורכגעמאכט. מיט דער נייער טעכניק און מיט דער נייער ארגאניזאציע פון דער פראדוקציאן האט זי געמאכט די מענשליכע ארבייט סאי שפארעוודיגער, סאי א סך פראדוקטיווער. אזוי האט דאס ניי־געשאפענע ווערטה דא אין די פעראייניגטע שטאאטען פאר 1909 בעטראפען אכט טויזענד פינף הונדערט דרייסיג מיליאן דאלאר, דאס הייסט מיט קנאפע זיעבען און זיעבעציג פראצענט מעהר ווי צוריק מיט צעהן יאהר אין 1899. די היינטיגע וועלט איז אבער א וועלט פון סוחרים און די פראדוקציאן שאפט הויפטזעכליך סחורות פאר׳ן מארק. און מיר זעהן, אז די פראדוקציאן וואקסט פיעל שנעלער, ווי דער מארק, וואס דארף איהרע סחורות איינ־

שלינגען. אזוי האָט נאָך צוריק מיט פיעלע יאָהרען ענגעלס פעסט־געשטעלט, אז „דער מארק קען זיך ניט פערברייטען אזוי שטארק, ווי עס ענטוויקעלט זיך די פּראָדוקציאָן און דערפאר איז דער קאנפליקט אונפערמיידליך“. אמת, זייט יענע שורות זיינען גע־שריעבען געוואָרען האָט דער קאפּיטאל אויף פיעלעס אויפגעטהאָן צו קריגען נייע מארקען. פיעלע ווילדע פעלקער האָט ער זיך אונ־טערוואָרפען און האָט זיי פאר זיינע קונים געמאכט. די פּראָדוק־ציאָן איז אָבער אויך ניט געשלאָפען. זי האָט אָהן אן אויפהער פערבעסערט איהרע מעטאָדען און איהרע מיטלען. אויך ניט נור זיינען נייע קונים אויסגעוואקסען, נור אויך נייע אינדוסטריעלע לענדער, וואס ז ו כ ע ן קונים. די קאָנקורענץ פאר'ן מארק ווערט וואס ווייטער אלץ שארפער. זי איז שטארק אין יעדען לאנד בע־זונדער, זי שאפט א לויפעניש און יאָגעניש צווישען די לענדער. זי טראָגט די פּראָדוקציאָן משוגע'נערווייז אָהן א שום א רעכנונג ביז די צו שטארק אויסגעוואקסענע פּראָדוקציאָן, שטויסט זיך אָן אויף דעם בעשרענקטען מארק. און דאן קומט אונפערמייד־ליך די קאטאסטראָפע, וואס רופט זיך קריזיס. די פּראָדוקציאָן קען זיך דאן ניט אָפּשטעלען, זי מוז אויף א צייט געשעדיגט ווערען. עס קומט דער גרויסער חורבן, וואס בריינגט מיט זיך די ארבייטס־לאָזע פערפלייצונגען. און די ארבייטסלאָזע פערפלייצונגען זיינען אויך א ש ט ע נ ד י ג ע ע ר ש י י נ ו נ ג, ווייל די קריזיסען ווידערהאָלען זיך פון צייט צו צייט. נאָך מעהר, זיי מוזען זיך ווידערהאָלען אונטער היינטיגער אָרגאניזאציאָן פון אונזער געזעל־שאפט. דער קאפּיטאל מוז טרייבען די פּראָדוקציאָן, דער מארק קען זיך ניט נאָכיאָגען נאָך דעם שנעלצוג פון דער פּראָדוקציאָן.

אזוי האָט זיך יעדער טרייד געוויסע צייטען פון ארבייטסלאָ־זיגקייט אין דעם משך פון יעדען יאָהר, און אלע טריידס צוזאמע אן אלגעמיינע ארבייטסלאָזיגקייט אין דער צייט פון'ם קריזיס.

ד) דער סך הכל.

קוקען מיר זיך צו נעהענטער צו די הויפּט אורזאכען פון דע ארבייטסלאָזיגקייט זעהען מיר, אז זיי זיינען צווישען זיך אלע צו נויפגעבונדען און צוזאמענגעפלאָכטען. אלע צוזאמען ווייזען זי

אונז בעשיינפערליך דעם הויפט ווידערשפרוך וואס פערפאָלגט אונזער לעבען. מיר האָבען געזעהן, אז יעדער פאָרשריט פון היינטיגער געזעלשאפט פערשטארקט די ארבייטסלאָזיגקייט, דאס הייסט די ליידען פון די, דורך וועמעס הענד דער פאָרשריט איז געמאכט געוואָרען. די ארבייטסלאָזיגקייט שמידט צו דעם ארבייטער צום קאפיטאל און די שטענדיגע רעזערוו ארמעע ברענגט דערצו, אז „אָנקלייבען קאפיטאל אויף איין עק פון דער געזעלשאפט הייסט אויך אָנקלייבען אָרימקייט, ליידען, פינסטערניש און דעגענעראציע אויף׳ן צווייטען, דאס מיינט צווישען דעם קלאַס, וואס בעשאפט דיעזע אייגענע פראָדוקטען אין דער פאָרמע פון קאפיטאל“ (מארקס). זיינען באמת גערעכט געווען די זיידעס פון׳ם היינטיגען ארבייטער ווען זיי האָבען געבראָכען די מאשינען און פערברענט די פאבריקען? ניין, די מאשינען אליין, ווי דער גאנצער פראָגרעס אין דער פראָדוקציאָן, וואָלטען געקענט א גרויסע מעלה זיין פאר דער גאנצער מענשהייט. די פראגע איז נור ווי זיי אָנצואווענדען. דער שרעקליכער ווידערשפרוך פון היינטיגער געזעלשאפט בעשטעהט טאקע אין דעם, וואס, די *געזעלשאפטליכע* פראָדוקציאָן געהערט פאקטיש צו א קליינער גרופע יחידים און ווערט פון זיי קאָנטראָלירט. אזוי ווארפט א מאשין ארויס 750 ארבייטער אויף דער גאס און פערגרעסערט דעם פראָפיט פון׳ם איינציגען בעל הבית. די ספעציאליזאציע מאכט די ארבייט שפאָרעוודיגער און דער רעזולטאט איז, אז פראָפיטען וואקסען ביי איינצעלנע און ליידען—ביי פיעלע. אין די פאלגענדע קלאָהרע און שעהנע ווערטער פון קאָרל מאָרקס איז אויסגעדריקט דער טיעפער ווידערשפרוך פון דער מאשין, ווי פון אונזער גאנצען פראָגרעס, אונטער דער היינטיגער סיסטעם.

„די מאשין אליין פערקירצט דעם ארבייטערס שטונדען, די
„קאפיטאליסטישע אָנווענדונג פון דער מאשין פערלענגערען זיי;
„די מאשין אליין מאכט די ארבייט גרינגער, אונטער דער קאפיטא־
„ליסטישער פראָדוקציאָן מאכט זי די ארבייט אָנגעשטערנגטער;
„די מאשין שטעלט מיט זיך פאָר דעם נצחון פון דעם מענשען
„איבער דער נאטור, אונטער דעם קאפיטאליזם פערשקלאפט זי
„דעם מענשען צו דער נאטור; די מאשין אליין מאכט רייכער דעם

„פּראָדוצירער, קאפּיטאליסטיש אָנגעווענדעט מאכט זי פון איהם „א קבצן“.

די געזעלשאפטליכע פּראָדוקציאָן מיט דער מאשין אלס איהר געוועהר, ווערט קאפּיטאליסטיש פערוואלטעט—אין דעם איז די קללה פון דער היינטיגער געזעלשאפט. די געזעלשאפטליכע פּראָדוקציאָן פאָדערט פאר זיך א פּאסענדען מאנטעל: די קאָלעקטיווע פערוואלטונג. די אינסטרומענטען פון דער געזעלשאפטליכער פּראָדוקציאָן דארפען דער געזעלשאפט געהערען, די געזעלשאפטליכע פּראָדוקציאָן דארף פון דער געזעלשאפט פערוואלטעט ווערען. דאס איז דער איינציגער אויסוועג פון'ם פערשאָלטענעם ווידערשפּרוך פון היינטיגען לעבען. און די שטענדיגע ארבייטסלאָזיגקייט איז דער שטענדיגער פּאָרוואורף צו דער קאפּיטאליסטישער פערוואלטונג, די ארבייטסלאָזע פערפּלייצונג,—דער קריזיס וויעדער איז שוין אן אָפענער בונט געגען איהר.

די ארבייטסלאָזיגקייט און די געזעלשאפט

וואס ווייטער אלץ מעהר איז די געזעלשאפט געצוואונגען זיך צוהערען צום שטילען פּאָרוואורף ווי צום גרויזאמען בונט פון דער ארבייטסלאָזיגקייט. אמת, די ארבייטסלאָזיגקייט איז איינע פון די נויטיגסטע זיילען פון דער הערשאפט פון'ם קאפּיטאל. ער נוצט זי אויס אויף פערשיעדענע וועגען. ער דארף האָבען א גרויסען רעזערוו אויף דער צייט, ווען די פּראָדוקציאָן בליהט. ער דארף דערביי טאקע אז זיין ארבייטער זאָל קומען פון'ם רעזערוו אין דער שטילער צייט, כדי ער זאָל דריקען אויף די פּרייזען און אויך אויף אלע אנדערע בעדינגונגען פון ארבייט. אזוי שרייבט איין אָפענהערציגער פּאָרשטעהער פון'ם קאפּיטאל וועגען דער מאשין, וואס ווארפט ארויס די ארבייטער אויף'ן גאס: „א באנדע אונצופריעדענע, וואס האָט זיך געפּיהלט אונבעזיעגבאר הינטער די אלטע פעסטונגען פון דער געלעהרטער ארבייט, האָט מיט אמאָהל דערזעהן, אז מען איז אויף איהר אָנגעפאלען פון א זייט און אלע איהרע מיטלען פון זעלבסטפערטהיידיגונג זיינען פערניכטעט געוואָרען א דאנק דער מעכאנישער פּראָדוקציאָן“. יע, די רעזערוו ארמעע שפּיעלט א גרויסע ראָליע פאר דעם קאפּיטאל אין זיין

קאַמפּף געגען דער ארבייט. אין דער צייט פון סטרייקס שטעלט זי איהם צו סטרייק-ברעכערס. פון די רייהען פון די ארבייטס-לאָזע, וואס האָבען שוין זייער מענשליכען געשטאַלט פערלאָרען — טרעמפּס — רעקרוטירט דער קאַפּיטאַל זיינע דירעקטע פערטהיידי-גער. ניט איין ארבייטער אויפשטאַנד איז אין אייראָפּא צוקלאַפּט געוואָרען מיט דער הילף פון די אויסוואורפען, וואס די קאַפּיטאַ-ליסטישע סיסטעם האָט געשאַפען. אויך דאָ איז ניט איין סטרייק פון זייערע הענד דערשטיקט געוואָרען. וואס שרעקליכער, שניידענ-דער די ארבייטסלאָזיגקייט איז פאר דעם ארבייטער אלץ בעסער איז זי פאר דעם קאַפּיטאַל.

דאָך מוז זיך די געזעלשאפט צו דער פראגע וועגען דער אר-בייטסלאָזיגקייט צוהערען.

די ארבייטסלאָזיגקייט רעדט אויף פערשיעדענע שפּראַכען. דער דעגענערירטער ארבייטסלאָזער, וואס איז שוין אונטער דעם שווערען דרוק פון'ם פינסטערען לעבען א פערברעכער געוואָרען, איז ניט שטענדיג צו דער דיענסט פון'ם קאַפּיטאַל. גאַנץ אָפט שטעהט ער א פערביטערטער, וואס זוכט זיך נוקם צו זיין אין דער געזעלשאַפט, וואס האָט איהם אזוי פערראַטהען. אלע גרויסע שטעדט זיינען רייך מיט פערברעכער און פערברעכענס, ניט קוקענדיג אויף די גרויסע ארמעען פון פּאָליציאַנטען און שפּיאָנען. די פער-אונגליקליכע ארבייטער פרוי, ווען זי פאלט ארונטער פערשפּרייט זי ארום זיך א מורא'דיגע מגפה, פיזיש אזוי גוט ווי מאָראַליש. בלויז נאַאיווע מענשען קענען דענקען, אז מיר האָבען פערברעכער א דאַנק דעם מאַנגעל פון ערציהונג, און פּראָסטיטוציע — א דאַנק די קאָדעטען, וואס פערנאַרען זיי אין זייערע נעצען. פאָרשען מיר אָט די שרעקליכע ערשיינונגען זעהן מיר, אז זיי זיינען אָבער פון שלעכט בעצאַהלטער ארבייט אָדער פון פולער ארבייטסלאָזיגקייט געבוי-רען געוואָרען. און אָט די קראַנקהייטען מאַכען די געזעלשאַפט ווי א גאַנצע ציטערען, ווייל בלויז אַ קליינע טהייל פון דער היינטיגער געזעלשאַפט איז דירעקט פעראינטערעסירט אין דער רויבערישער סיסטעם. די גרעסטע טהייל — צווישען זיי גאַנץ אָפט אויך די אונ-בעוואוסטע ארבייטער — זיינען מאָראַל בעצויבערט און פערשקלאַפט פון דעם אויסערליכען גלאַנץ פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם.

אויך לאָזט זיך די ארבייטסלאָזיגקייט הערען און פיהלען דערמיט, וואס דער מארק ווערט פון דער געצוואונגענער ארעמקייט אבגעשוואכט. טויזענדער ארבייטער קענען קיין לעבען ניט מאכען. מיר האָבען שוין געזעהען, אז די פּראדוקציאָן לויפט צו שנעל, פיעל געשווינטער ווי דער מארק. די קאטאסטראפע, דער קריזיס מאכט דעם מארק נאָך בעשרענקטער און דורך דעם ווערט דער קריזיס נאָך טיעפער, שמערצליכער.

די „באַנדע אונצופריעדענע" ארבייטער ווערט בייסלעכווייז איבעראל פערוואנדעלט אין א גרויסען אָרגאניזירטען כח, וואָס הויבט אָן צו דיקטירען זיין ווילען די פערשידענע קלאסען. אָט דער כח האָט אם שטארקסטען געטריעבען די געזעלשאפט צו נעה־מען א נייע שטעלונג צו דער פראגע וועגען ארבייטסלאָזיגקייט.

מיר האָבען געזעהן דעם ערשטען קבלת פּנים, וואס די געזעל־שאפט האָט דורך איהרע רעגיערונגען געמאכט דער ערשטער ארמעע פון ארבייטסלאָזע; מיט דער בלוטיגער געזעצגעבונג האָט זי די פּרא־גע פון ארבייטסלאָזיגקייט געוואלט לעזען. ווען די היינטיגע געזעל־שאפט האָט זיך אָבער אויף די פיס געשטעלט האָט זי א נייע פי־לאָזאָפיע אויסגעארבייט, וואס האָט שוין אויך די פראגע פון אר־בייטסלאָזיגקייט איינגעשלאָסען. די פילאָזאָפיע איז געווען א גאנץ איינפאכע: „מיר מישען זיך ניט". איינער מעג זיך אָנקלייבען די גרעסטע אוצרות, דער צווייטער מעג שטארבען פון הונגער—מיר שטהען אין א זייט. דער ארבייטסלאָזער האָט די רעכט צו זיין ארבייטסלאָז, אבי ער שווייגט און בונטעוועט זיך ניט. ארבייטס־לאָזע בונטען פלעגען אויף דעם גרויזאמסטען אופן דערשטיקט ווערען, דעם רוהיגען ארבייטסלאָזען האָט מען אָבער די פוללע „פרייהייט" געגעבען. די „פרייהייט" האָט איהם צוויי וועגען גע־עפענט: ענטוועדער צו דער ערנידעריגענדער צדקה, אדער דורך הונ־גער צום טויט. אמת, ווען די ארבייטער יוניאָנס זענען שטאַרקער גע־וואָרען האָבען זיי פּרובירט נעהמען אין זייערע הענד די פראגע ווע־גען ארבייטסלאָזיגקייט. אזוי האָבען די ענגלישע יוניאָנס פאר צעהן יאָהר—פון 1898 ביז 1907—אויסגעצאָהלט אריבער צוואנציג מי־ליאָן דאלארס ארבייטסלאָזע בענעפיטס, א חוץ אנדערע קאָסטען אויף זוכען ארבייט. דער פאָרשטעהער פון דער דייטשער סאָציאל־

דעמאָקראַטיע אויף דעם קאָפּענהאַגענער צוזאַמענפאָהר פון'ם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך ביטער געקלאָגט, אַז די שטיצע פאַר ארבייטסלאָזע שלינגט איין די פאָנדס פון די דייטשע יוניאָנס אויף אַזוי פיעל, אַז דאַס שוואַכט אָפּ זייער קאַמפּס־פעהיגקייט געגען דעם קאַפּיטאַל.*) די ארבייט פון די יוניאָנס אויף דעם געביעט האָט אָבער מיט אַן איבערצייגענדער קלאָהרקייט געוויזען, אַז די ארבייטער אָרגאַניזאַציעס א ל י י ן קענען ניט שאַפען קיין שטענדיגע שטיצע פאַר די ארבייטסלאָזע. און די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען שטעלען איבעראַל ארויס די פאָדערונג פון פ ע ר א נ ט װ א ָ ר ט ל י כ ק י י ט פון'ם שטאַאַט און פון דער געזעלשאַפט פאַר אַלע ליידען וואָס דאָס לעבען פערשאַפט אונז געגען דער קאַפּיטאַליסטישער פילאָזאָפיע. פון ניט אריינמישען זיך. אויף פיעלע געביעטען האָט שוין די פאָדערונג פון פעראַנטוואָרטליכקייט געהאַט א גרויסען ערפאָלג. אַזוי האָבען זיך די ארבייטער איבעראַל דערשלאָגען אַן ארבייטער־געזעצגעבונג, וואָס באַפּט ארום די שטונדען פון ארבייט, די ארבייט פון פרויען און קינדער און אַזוי ווייטער. זי איז געצוואונגען געװען צו אנערקענען זיך פ ע ר א נ ט װ א ָ ר ט ל י ך פאַר פיעלע ליידען, וואָס די היינטיגע געזעלשאַפט פערשאַפט דעם ארבייטער. דער פּרינציפּ פון „פרייהייט" און „ניט מישען זיך" איז אין א געוויסען פּרט אויפגעגעבען. די געזעלשאַפט האָט געמוזט צוגעבען, אַז די „פרייהייט" גיט ניט די געווינשטע רעזולטאַטען, אַז עפּעס איז ניט אין אָרדנונג און מען מוז זיך אריינמישען, כדי די לאַגע צו פערבעסערען. געוויכטהוט זי עס ניט מיט'ן גאַנצען הארצען. די אַלע רעפאַרמען לאָזען דעם גיהנום פון דעם היינטיגען לעבען כמעט ווי ניט געריהרט דאָך ברענגען זיי געוויסע פערבעסערונגען. אַזוי האָבען די געזעצען

*) די אַמעריקאַנער יוניאָנס האָבען אויסגעצאָהלט אין 1910 יאָהר ניט מעהר ווי 240717 דאָלאַר, און אין 1909, ווען די לאַגע איז געווען געדריקטער, האָבען זיי אויסגעצאָהלט 535995 דאָלאַרס ארבייטסלאָז בענעפיטס.

וואס פערזיכערען דעם ארבייטער געגען אונגליקס־פעללע (כמעט אין אל לענדער, טהיילווייז אויך אין אמעריקא) געגען קראנקהייטען און אזוי ווייטער פיעל גוטעס דעם ארבייטער געטהאָן. און די פראגע שטעהט איצט צו קענען מיר זיך אויך דערשלאָגען געוויסע פערבעסערונגען אין די ראהמען פון דער היינטיגער געזעלשאפט בנוגע צו דער ארבייטסלאָזיגקייט? בעפאָר מיר ווען אבער פרו־בירען די פראגען צו פערענטפערען מוזען מיר פעסטשטעלען די פאָלגענדע צוויי גרונד־געדאנקען:

1) די ארבייטסלאָזיגקייט איז ענג צוזאמענגעבונדען מיט דער גאנצער געביידע פון דער היינטיגער געזעלשאפט. אפשאפען די ארבייטסלאָזיגקייט וועט מעגליך זיין נור דאן, ווען די גאנצע גע־זעלשאפט וועט זיין דער בעל הבית פון דער ערד, ווי פון אלע מיטלען פון דער פראָדוקציאָן און פון׳ם טראנספּאָרט. דאן און נור דאן וועט די געזעלשאפט זיין בכח אויסצונוצען די גרויסע נצחונות פון׳ם מענשליכען שכל פאר דעם טובת הכלל. דאן וועט זי קענען אפשאפען די אונאָרדנונג וואס הערשט איצט אין דער פראָ־דוקציאָן און איהרע בעגלייטער די קריזיסען און די ארבייטסלאָ־זיגקייט. און

2) אלע רעפאָרמען, וואס פערבעסערען די לאגע פון׳ם ארביי־טער שוואכען אין דער זעלבער צייט אפּ דירעקט אָדער אונדירעקט די ליידען פון ארבייטסלאָזיגקייט. פערקלענערען דעם ארבייטסטאָג, בעשרענקען די ארבייט פון פרויען און קינדער הייסט עפענען גרעסערע מעגליכקייטען פאר די סאָלדאטען פון דער רעזערוו אר־מעע. פערגרעסערען דעם ארבייטערס שכירות הייסט בעוואפענען איהם שטארקער געגען דעם שווארצען טאָג פון דער ארבייטסלאָ־זיגקייט. אויך די אנדערע רעפאָרמען, וואס פערבעסערען דעם אר־בייטערס לעבען פערשטארקען זיינע מיטלען פון זעלבסט־פערטהיי־דיגונג געגען דעם בייטש פון דער ארבייטסלאָזיגקייט. דער פועל היוצא איז קלאָהר: קעמפפען מיט דער ארבייטסלאָזיגקייט הייסט קעמפפען פאר׳ן סאָציאליסטישען אידעאל און אויך פאר די אלע ־עפאָרמען, וואס פערבעסערען כאָטש טהיילוויז די לאגע פון׳ם ארבייטער אויף׳ן פלאץ און גיבען איהם א מעגליכקייט מיט מוטה

און גלויבען צו פיהרען דעם קאַמפּף פאר זיין גרויסען אידעאַל, פאר דער פרייהייט, וואָס וועט אויף דער עקאָנאָמישער גלייכהייט גע־בויט זיין.

מיר דארפען אָבער געגוי זוכען און בעטראַכטען וועלכע ספּע־ציעלע פערבעסערונגען מיר קענען שוין ארויסשטעלען, וואָס וואָל־טען געווען בכח אָפּצושוואַכען די ליידען פון דער ארבייטסלאָזיג־קייט. אָט זיינען די הויפּט פאָדערונגען, וואָס די אמעריקאנער סאָציאַליסטישע פּארטיי שטעלט ארויס צום קאָנגרעס:

1) אז עס זאָל געגרינדעט ווערען איבער'ן גאנצען לאנד א סיסטעם פון אגענטורען פון ארבייטס־פערזאָרגונג. די נאציאָנאלע רעגיערונג, סטייט און שטאָדט פערוואַלטונגען דארפען דיזע אגענ־טורען אָרגאַניזירען און אויסהאַלטען.

2) אז יעדע מעגליכע רעגיערונגס ארבייט, וועלכע די רע־גיערונג לאָזט איצט טהאָן אויף איהר רעכנונג זאָל זאָפאָרט דורכ־געפיהרט ווערען און נייע זאָלען געעפענט ווערען כדי עס זאָל זיין ארבייט פאר די ארבייטסלאָזע (געווים, אויף יוניאָן בעדינ־גונגען).

3) אויך זאָל די צענטראַלע רעגיערונג העלפען מיט הלואה די פערשיעדענע סטייטס, כדי צו געבען זיי א מעגליכקייט מעהרערע עפענטליכע ארבייטען צו אונטערנעהמען פאר דעם זעלבען צוועק.

און 4) אז דער קאָנגרעס זאָל זאָפאָרט זיך נעהמען אויסאר־בייטען א פּלאַן פון א נאציאָנאלע סיסטעם פון אינשורענס פאר אר־בייטסלאָזע דורך וועלכע די ארבייטער פון דער נאציאָן זאָלען קענען זיין בעשיצט פון די ליידען פון ארבייטסלאָזיגקייט, ווען זיי ווילען ארבייט און געפינען ניט.

אויב די וויכטיגקייט און די מעגליכקייט פון די ערשטע דריי רעפאָרמען—אגענטורען פון ארבייטס־פערזאָרגונג און געזעלשאַפט־ליכעם ארבייטען זיינען קלאָהר און קענען קיין שום ספק ניט ארויס־רופען איז אָבער די לעצטע פאָדערונג—פערזיכערונג פאר ארבייטס־לאָזע—א גאנץ נייע פאָדערונג און זי נויטיגט זיך אין א גענויערע ערקלעהרונג.

ארבייטסלאָזיגקייט און סאָציאַלע פערזיכערונג

וואס ווייטער דרינגט דער מענש אַלץ טיעפער אריין אין די סודות פון דער נאַטור; ער הויבט אָן אַלץ קלאָהרער צו פערשטעהן איהרע אייגענשאַפטען און אַלץ שטאַרקער בעוואָפענט ער זיך געגען איהרע קאַפּריזען. וואס ווייטער הערט דער מענש אויף צו זיין דער קנעכט פון דער נאַטור — ער ווערט ביסלעכווייז איהר הארר. אָבער אפילו היינט צו טאָג איז נאָך דער מענש ניט בעהיט פון אַלע אונגליקען און צרות וואס די נאַטור ברייננט איהם. קומט פון צייט צו צייט אַן ערדציטערניש און מאַכט א חורבן פון'ם מענשען'ס לעבען און פון זיין אויפטהו: קומט א פערפלייצונג און מאַכט א תל פון דעם מענשען'ס ארבייט. פילע אנדערע אנפאַלען פון דער נאַטור האָט דער מענש אויסצושטעהן, געגען וועלכע ער בלייבט נאָך אַלץ הילפלאָז. אויך נייע אונגליקען האָט איהם געבראַכט דאס היינטיגע אינדוסטריעלע לעבען. די צאָהל פון די וואס ווערען נע'הרג'עט פון אונגליקען איז זעהר גרויס. דורכשניטליך ווערען אין אמעריקא דער'הרג'ט ביי דער ארבייט 35 טויזענד מענשען א יאָהר. דער מענש זוכט ווי צו פערטהיידיגען זיך געגען די אַלע אונגליקען פון דער נאַטור אַזוי גוט ווי פון דער אינדוסטריע, וואס האָט אַזא פערברעכערישע נייגונג צו פערשלינגען מענשליכע לעבענס. קען ער אָבער די אונגליקען ניט אָפּשאַפען, זוכט ער דער־וויייל אָפּצושוואַכען זייערע טרויעריגע רעזולטאַטען. אין דער הינזיכט העלפט אהים פיעל ארויס די געזעלשאַפטליכע וויסענשאַפט בכלל און בעזונדערס די סטאַטיסטיק. א דאַנק דער סטאַטיסטיק קענען מיר אויספאָרשען דעם שאַדען פון יעדען אונגליק און מיט אַלגעמיינע כחות זיך בעוואָרענען געגען דיזע רעזולטאַטען. אַזוי האָבען מיר נאָך ניט קיין שום ווירקזאַם מיטעל, ווי צו בעוואָהרענען זיך געגען שרפות. ס'איז אָבער דאַ א מיטעל אויסצומיידען אייניגע טרויעריגע רעזולטאַטען פון א שריפה, נעמליך, דעם פערלוסט פון געלד און אייגענטהום. דאס מיטעל איז—פערזיכערונג. יעדער איינער צאָהלט א קליינעם חלק און אַלע חלקים בילדען א פאָנד, פון וועלכען מען צאָהלט אויס דעם אָפּגעברענטען זיין גאַנצען פערלוסט. די פייער פערזיכערונג איז היינט צו טאָג א גאַנץ

גוטע פּריוואטע ביזנעס. איהר פונדאמענט איז א גאנץ איינפאכער. עס ווערט אויסגערעכענט דער שאדען פון א שריפה, די קאסטען פון פערזיכערונג און אלע קאסטען ווערען פּראנדערגעטהיילט צווישען די, וואס פערזיכערען זיך געגען פייער. דער פארמער פערזיכערט זיך געגען דעם האָגעל, דער רייזענדער געגען באהן אונגליקען און אזוי ווייטער. די פערזיכערונג ראטעוועט ניט דעם פארמער פון האָ־געל; זי פערזיכערט איהם נור געגען די פערלוסטען, וואס דער האָגעל ברייגגט איהם. וואס אונזיכערער עס ווערט דעם מענשענס לעבען אלץ גרעסער ווערען די צווייגען פון פערזיכערונג. אם ווע־ניגסטען זיכער איז דעם ארבייטער'ס לעבען. ער ריזיקירט זיין לעבען צו פערליערען ביי דער ארבייט, ער ריזיקירט שטענדיג אָהן ארבייט צו בלייבען. פערזיכערונג איז דאס רעטונגס מיטעל, פאר וועלעכען ער כאפּט זיך. פיעלע געזעלשאפטען פון פערזיכערונג האָט דער ארבייטער אויסגעבויט, פיעלע ארבייטער יוניאָנס האָבען ביי זיך פערשיעדענע צווייגען פון פערזיכערונג איינגעפיהרט.

צוויי וויכטיגע אנגעלעגענהייטען טרייבען אבער דעם ארביי־טער איבערצובייטען זיין קוק אויף די פארמען און מעטאָדען פון פערזיכערונג. צאהלרייך זיינען די געפאהרען, וואס דראָהען דעם ארבייטער אין דער היינטיגער געזעלשאפט — קלאָגענדיג זיינען אָבער זיינע שכירות, אדער בעסער געזאגט, זיינע דורכשניטליכע פערדיענסטען, אז ער זאָל קענען יעדען שאדען דורך פערזיכערונג אויסמיידען. פון דער צווייטער זייט וואקסט ביי דעם ארבייטער דער בעוואוסטזיין, אז די געזעלשאפט אלס א גאנצע איז פער־אַנטווארטליך פאר די אלע געפאהרען, וואס רינגלען ארום זיין לעבען. ניט זיין שולד איז עס וואס ער ליידעט אזוי שטארק פון אונגליקס־צופאלען אונטער דער ערד, ביי די באהנען און אין אנדערע געפעהרליכע אינדוסטריעס; ניט זיין שולד איז עס, וואס קראנקהיי־טען זענען אין זיין לעבען אזוי אפט און אזוי שטארק פערשפּרייט; ניט זיין שולד איז עס, וואס ער קען ניט אפּשפּאָרען קיין פּאָר גראָשען אויף דער עלטער; ניט זיין שולד איז עס, וואס ער קאן קיין ירושה ניט לאזען זיין אלמנה און יתומים; ניט זיי שולד איז, ענדליך, וואס ער פערליערט אזוי אָפט זיין ארבייט. אין די אלע

ליידען איז שולדיג די געזעלשאפט אלס א גאנצע און די ארבייטס־געבער אלס דער הערשענדער קלאס פון דער געזעלשאפט בעזונדערס. טאקע דערפאר פאדערען די ארבייטער, אז די געזעלשאפט, דאָס מיינט דער שטאאט, זאָל זיי אויף דעם חשבון פון די בעלי בתים פערזיכערען געגען אלע אונגליקען. די לעצטע צייט ווערט אלץ שטארקער אויף די פערזיכערונג געגען ארבייטסלאָזיגקייט. די ווי־סענשאפט האָט געוויעזען, אז די ארבייטסלאָזיגקייט איז א שטענ־דיגע ערשיינונג. די סטאטיסטיק לערענט אונז, אז מען קען זי אויס־רעכענען און איהרע ציפערען פעסטשטעלען. אין דער זעלבער צייט האָט שוין דאס לעבען לאנג צושמעטערט די אלטע פילאָזאָפיע, אז דער שטאאט דארף זיך ניט מישען. אזוי האָט זיך אויפגע־עפענט אן אפגערייניגט פעלד פאר דער פאָדערונג פון סאָציאלע פערזיכערונג געגען ארבייטסלאָזיגקייט, וואס ווערט יעדען טאָג אלץ שטארקער און אלע ווינקעלעך פון דער וועלט.

א) די פערזיכערונג געגען ארבייטסלאָזיגקייט אין אייראָפא.

די ארבייטסלאָזיגקייט האָט געהאט א שלעכטען מזל איבע־ראל—מען האָט איהר צו וועניג געפאָרשט און נאָך וועניגער איז גע־טהאָן געוואָרען איהרע טרויעריגע רעזולטאטען אויסצומיידען. בע־זונדערס וועניג איז געטהאָן געוואָרען אויף דעם געביעט פון פער־זיכערונג. אפילו דייטשלאנד, וואָס האָט בכלל געשטאָלצירט — און מיט רעכט — מיט איהר שעהנער געביידע פון פערזיכערונג, וואס נעהמט באמת ארום פיעלע געפאהרען פון'ם ארביי־טער'ס לעבען, האָט וועניג וואס אויפגעטהאָן צו פערזיכערען דעם ארבייטער געגען ארבייטסלאזיגקייט. אנדערע לענדער האָבען אויף געמאכט געוואגטע טריט אויף דעם פעלד פון ארבייטער פערזי־כערונג. אזוי האָט איטאליען פערזיכערט די ארבייטער פרוי זי זאָל ניט פערליערען איהרע פערדיענסטען אויף דער צייט, ווען זי ווערט א מוטער. אָבער וועניג ווער האָט פרובירט צופאסען די פערזיכערונגס סיסטעם צו דער ארבייטסלאזע פראגע אויף א ברייטען נאציאָנאלען מאסשטאב. אן אויסנאהם איז ענגלאנד און איהר פערזוך וועלען מיר גענויער בעטראכטען. נור אויב די לענדער

אלס גאנצע זענען געווען ווייניג אקטיוו אויף דעם געביעט, האָבען אָבער די פערשיעדענע שטעדט געזוכט מיטלען און האָבען אויך פערשיעדענע וויכטיגע פראָבעס געמאכט. די וויכטיגסטע פּראָבע האָט געמאכט די שטאדט רעגיערונג אין גענט, בעלגיען. זי האָט גאנץ אנדערש א קוק געטהאָן אויף דער פראגע פון ארבייטסלאָזיג־קייט, ווי דאָס האָט געטהאָן די שטאדט אדמיניסטראציע פון דער גרעסטער אינדוסטריעלער שטאדט אין דער וועלט, ניו יאָרק. דער ניו יאָרקער סיטי קאנטראָלער האָט געענטפערט א קאָמיטע, וואס איז געקומען צו איהם פאָדערען, אז ער זאל עפּעס טהאָן פאר די פינף הונדערט טויזענד ארבייטסלאָזע אין שטאדט, בזה הלשון: „דאָס איז ניט קיין פראגע פון מאנגעל אין געלד. די שטאדט קען זיך איינפאך ניט שטעלען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אז זי איז פעראַנטוואָרטליך פאר דער ארבייטסלאָזיגקייט". דאָס וואָס איז געווען אונמעגליך פאר דער שטאדט ניו יאָרק אין 1915 אין דעם רעכטען ברען פון דעם מורא'דיגען קריזיס, איז געווען מעגליך און פערשטענדליך פאר דער בעלגישער שטאדט גענט אין 1900 יאָהר. די שטאדט האָט בעשלאָסען ארויסצוצאהלען בענעפיטס צו די ארבייטסלאָזע. דער פערמיטלער צווישען דער שטאדט און דעם ארבייטסלאָזען אין געווארען די טרייד יוניאָן. צו יעדען דאלאר וואס די יוניאָן פלעגט ארויסגעבען ארבייטסלאָזע בענעפיטס פלעגט די שטאדט צוגעבען נאך 60 סענט. דאס האָט געגעבען די יוניאָנס א געלעגענהייט צו פערשטארקען זייער אייגענע פערזיכערונגס אר־בייט געגען ארבייטסלאָזיגקייט. דאָס האָט מיטגעהאָלפען די יו־ניאָנס, וואס האָבען פריהער אזעלכע בענעפיטס ניט אויסגעצאהלט מיט דער ארבייט זיך צו פערנעהמען. און די צאהל פון יוניאָנס, וואָס האָבען אנגעפאנגען צו אינשורען זייערע מיטגליעדער איז שנעל געוואקסען. דער ערפאָלג פון'ם פערזוך האָט זיך אין גיכען אויך אויף אנדערע שטעדט פערשפרייט. דער צעטעל פון שטעדט וואָס העלפען די ארבייטסלאָזע דורך די יוניאָנס אדער אנדערע ארבייטער אָרגאניזאציעס איז זעהר גרויס ניט נור אין בעלגיען, זאנדערן אויך אין די גרעסטע אינדוסטריעלע צענטרען פון אנדערע מלוכות. אין די שטעדט, וואו קיין פערזיכערונג עקזיסטירט ניט, ווערט די פראגע גענאָץ ערנסט פערהאנדעלט.

אויך האָט די גענטער סיסטעם געפונען איהרע נאכפאָלגער אין דער געזעצגעבונג פון צווײ נאציאָנאלע רעגיערונגען אין נאָר־וועגיען אין 1905 און דענמארק אין 1907 יאָהר. די נאציאָנאלע רעגיערונגען זיינען געווען אװעקגעשטעלט אין א גאנץ שווערער לאגע. אנערקענען די ארבייטער יוניאָנס האָט זיך ניט געוואלט. די הערשער פון דער היינטיגער געזעלשאפט ווייסען גאנץ גוט, אז די יוניאָנס מוזען פריהער אדער שפעטער אריינטרעטען אין אן אָפענעם קאנפליקט ניט נור מיט דעם איינצעלנעם ארבייטסגעבער, נור מיט דער גאנצער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט. זיי האָבען אָבער קיין ברירה ניט געהאט. אמת, דער דענישער געזעץ זאגט אויסדריקליך, אז די פערזיכערונגס געזעלשאפט טאָר ניט זיין קיין יוניאָן. דער רעזולטאט איז אבער געװען, אז די זעלבע יוניאָנס האָבען צווײ בעזונדערע מלבושים געקראגען: איין מלבוש, ווען זיי טהוען סתם יוניאָן־ארבייט און דאס צווייטע, ווען זיי טרעטען ארויס אלס א פערזיכערונגס געזעלשאפט. אין נארוועגיען פאַ־דערט דאס געזעץ פון די יוניאָנס בלויז, אז זיי זאלען דעם חשבון פון די בענעפיטס פיהרען גאנץ בעזונדער פון זייערע אלגעמיינע חשבונות. אין דענמארק צאהלט די רעגיערונג ארויס די פולע העלפט פון דעם בענעפיט, דאס הייסט, אויף יעדען דאללאר וואס די יוניאָן, אָדער אן אנדער ארבייטער געזעלשאפט צאהלט ארויס אין ארבייטסלאָזע בענעפיטס, צאהלט די רעגיערונג אויך א דאָללאר. אין נארוועגיען אביסעל ווייניגער.

ווי מיר זעהען, בעשטעהט די גאנצע גענטער סיסטעם אין דעם, וואס די רעגיערונגען — די נאציאָנאלע אדער שטאדטישע — שטיצען פערזיכערונגס פאָנדען פאר ארבייטסלאָזע. דאָס ווייזט אונז צווײ זאכען: 1) אז די געזעלשאפט אלס א גאנצע אנערקענט זיך פעראנטוואָרטליך פאר די ליידען פון דער ארבייטסלאָזיגקייט, און 2) אז עס איז דאָ א געוויסער וועג ווי די ארבייטסלאָזע ארויס־צוהעלפען. געווים האָט די גענטער סיסטעם אין ערגיץ ניט בעלוינט דעם ארבייטסלאָזען אין דער פולער מאָס. אויך האָט זי ניט ארומגענומען אלע ארבייטסלאָזע. דער פאקט אָבער, וואס אין דעם קליינעם דענמארק זיינען 95 טויזענד ארבייטער, אין נאָרוועג־גיען—50 טויזענד ארבייטער און אזוי ווייטער כאָטש טהיילווייז

פערזארגט מיט פרנסה אין די שווארצע צייטען, ווען ס'איז ניטא קיין ארבייט, איז שוין גענוג צו זאגען, אז עפּעס קען געטהאָן ווע־רען. און דאָס הייסט, אז עפּעס מ ו ז געטהאָן ווערען.

ב) די פערזיכערונגס סיסטעם אין ענגלאנד*).

ענגלאנד איז לאנגע יאָהרען געווען דאס לאנד, וואו עס האָט אם שטאַרקסטען געהערשט דער פּרינציפּ פון ניט אריינמישען זיך. פון צייט צו צייט פלעגען זיך די ארבייטער אנשטרענגען, כדי צו צוברעכען די פעסטונג הינטער וועלכער די רעגיערונג האָט זיך בעהאלטען. פיעלע ארבייטער געזעצען זענען שוין יאָהרען צוריק אין ענגלאנד דורכגעפיהרט געווארען. דאָך ווען עס פלעגט קומען צו דער פראגע וועגען אן ערנסטער רעפארמע, פלעגט די רעגיערונג ענטפערען מיט דער שפּראך פון'ם ניו יאָרק סיטי קאנטראלער: מיר זיינען ניט שולדיג, מיר טאָרען זיך ניט מישען, און אזוי ווייטער". ענדליך האָט דאס געדולד פון די ארבייטער געפּלאצט. די יוניאָנס, וואס פלעגען זיך בעגנוגענען מיט קליינע הבטחות פון די הערשענדע פּארטייען האָבען זיך פעראייניגט מיט א טהייל פון די סאָציאליסטען און האָבען א בעזונדערע ארבייטער פּארטיי געשאַ־פען. די פּארטיי האָט פיעלעס אויפגעטהאָן אויף דעם געביעט פון ארבייטער געזעצגעבונג און אויך איהר האָבען מיר צו פערדאנקען, וואָס מיר האָבען איצט אין ענגלאנד דעם „נאציאָנאלען פערזי־כערונגס אקט". ער איז בלויז מיט א פּאָאר יאָהר צוריק דורכגע־פיהרט געווארען. ס'איז נאָך שווער צו רעדען וועגען זיינע מעגליכע רעזולטאטען, איין זאך אָבער קען מען שוין איצט זיכער זאגען, נעמ־ליך, אז דער נייער ענגלישער געזעץ פון 1911 שטעלט פאָר מיט זיך א ווייטערען שריט פון דער געזעצגעבונג אויף דעם וועג צו פערזיכע־רען דעם ארבייטער פאר דער צייט ווען ער קאן קיין ארבייט ניט געפינען. אין דעם געזעץ ווערט פעסטגעשטעלט דער געדאנק, אז סיי די געזעלשאפט אלס א גאנצע, ס י י ד י ב ע ל י ב ת י ם אלס דער גליקליכער טייל פון דער געזעלשאפט, דארפען צאהלען דעם

---

*) גענויער איבער דער פראגע זעה „אידישער סאָציאליסט", 1914, י רובינאָוו: „פערזיכערונג געגען ארבייטסלאָזיגקייט".

ארבייטער, ווען ער קען אליין קיין לעבען ניט מאכען צוליעב מאנ־געל אין דער ארבייט. אזוי, יעדער פערזיכערטער ארבייטער דארף צאָהלען 5 סענט א וואָך. פונקט אזוי פיעל, ד. ה. אויך 5 סענט, מוז צאָהלען דער בעל הבית פאר יעדען ארבייטער, וואָס ער בע־שעפטיגט. די רעגיערונג דארף צאָהלען א דריטעל פון דער אלגע־מיינער סומע, דאס מיינט דריי מיט איין־דריטעל סענט פאר יע־דען אינשורטען ארבייטער. אזוי בעקומט יעדער ארבייטער דריי־צעהן מיט איין־דריטעל סענט געגען די פינף סענט, וואס ער צאָהלט, דאס מיינט מיט אכט און איין־דריטעל סענט מעהר ווי ער האָט איינגעצאהלט. דאס איז א דאָפעלטער פארטשריט אין פערגלייך מיט דער גענטער סיסטעם. ערשטענס, בעקומט דער ארבייטער פיעל מעהר, ווי ער צאהלט אליין; צווייטענס, איז אויך דער ארבייטסגעבער דירעקט צוגעצווינגען אנטהייל צו נעהמען אין די הוצאות פון דער פערזיכערונג (דערביי האָט אויך די יוניאָן דאס רעכט צו זיין דער פערמיטלער צווישען דעם ארבייטער און דער פערזיכערונגס קאססע, ווי אין פיעלע אנדערע לענדער).

מיר ווייסען שוין, אז דער ארבייטער האָט אייגענטליך די פולע רעכט צו פאדערען, אז פון זיינע ארימע שכירות זאל גאָר ניט ארונטערגענומען ווערען. די פאדערונג שטעלען טאקע ארוים די פארטגעשריטענע ענגלישע ארבייטער מיט די סאָ־ציאליסטען אן דער שפיצע. מען מוז אָבער מודה זיין, אז דער נאַ־ציאָנאלער פערזיכערונגס אקט איז א גאנצע איבערקעהרעניש ניט נור פאר ענגלאנד, נור בכלל פאר דער גאנצער פראגע וועגען ארבייטסלאָזיגקייט. דער נאציאָנאלער פערזיכערונגס - אקט האָט נאָך א וויכטיגען פונקט אין זיך. ער פערפליכטעט אלע ארבייטער פון די טריידס, אויף וועלכע דער אקט פערשפרייט זיך צו פערזיכערען לויט די פריהער אָנגעמערקטע צאהלונגען. דער פונקט איז זעהר וויכטיג. וואָלט דאס געזעץ ניט פערפליכטעט דעם ארבייטער זיך צו פערזיכערען וואָלט דער באָס געדריקט אויף איהם כדי זיך אויסצודרעהען פון דיזע אויסצאהלונגען. א דאנק דער פערפליכטונג הערט די פערזיכערונג אויף צו זיין א צופעליגע זאך. צום בעדויערען פערשפרייט זיך אבער דער געזעץ דערוויי׳ל נור אויף צוויי מיליאָן פיער הונדערט טויזענד ארבייטער פון די

זעכצעהן מילאָן ארבייטער, וואס געפינען זיך אין ענגלאנד. אויך זיינען די ארבייטסלאָזע בענעפיטען צו קליין. דער ארבייטער — דער פערזיכערטער, געוועהנליך — האָט דאס רעכט אויף שטיצע 15 וואָכען אין יאָהר, דערביי בעקומט ער 7 שילינג (קארגע 2 דאָלאר) א וואָך.

מיר האָבען שוין געזאגט, אז אלע ארבייטער רעפארמען ווע־רען איבעראל דורכגעפיהרט מיט א האלבען הארצען. מען מוז שטענדיג געדענקען, אז ס'איז בכלל שווער אויסצומיידען א ל ל ע ליידען, וואס עס זיינען מיט דער ארבייטסלאָזיגקייט צו־זאמענגעבינדען, כל זמן אין'ם ווירטשאפטליכען לעבען הערשט אזא שרעקליכע אנארכיע, כל זמן דער ארבייטער איז דאס כפרה הינדעל פאר אלע איבערקעהרענישען, וואס קומען פאָר אין דעם עקאָנאָמישען לעבען. וואס שטארקער מ'טראכט זיך איין אין דער טרויעריגער פראגע פון ארבייטסלאָזיגקייט אלץ קלעהרער ווערט די נויטיגקייט פון א נייער געזעלשאפט, פון א סאָציאליסטישער געזעלשאפט, וואו הונדערטער וואלטען ניט געווען די קרבנות פון'ם משוגענעם רייכטהום פון איינצעלנע. דער ענגלישער אקט ווייזט אונז אָבער, אז עפּעס וויכטיגעס קען שוין געטהאָן ווערען אין די ראהמען פון דער היינטיגער געזעלשאפט, און אללעס וואס עס קען געטהאָן ווערען מ ו ז געטהאָן ווערען. ראטעווען אריבער צוויי מיליאָן מענשען אין א משך פון 15 וואָכען אין יאָהר פון די עקעלהאפטע בעגלייטער פון דער ארבייטסלזיגקייט, דאָס אליין איז א גאנץ גרויסער „עפּעס". די רעפארם מאכט אונז נאָך דערצו פיעל שטארקער אין אונזער אלגעמיינעם קאמפּף פאר אונזער גרויסען און שעהנעם אידעאל.

ג) סאָציאלע פערזיכערונג אין אמעריקא.

אָנקעל סעם שטאָלצירט שטארק מיט זיינע „הימעל קראַ־צערס", מיט זיינע ריעזיגע פעקטאָריעס, מיט זיינע שנעלע באהנען און מיט זיינע רייכע מאגנאטען, וואס האָבען אָנגעקליעבען גרע־סערע עשירות, איידער זייערע ברידער פון יענער זייט ים. די רייכע אמעריקא קען זיך אָבער אויך בעריהמען מיט דער שרעקליכער

ארימקייט און גרויזאמע ליידען, וואס בעגלייטען איהר אינדוסטריע־לע בליהונג. אזוי, ליידען דאָ די ארבייטער פיעל מעהר פון די אינ־דוסטריעלע אונגליקספעלע, ווי די ארבייטער אין אייראָפּא. אמעריקא האָט אויך א סך א גרעסערען פּראָצענט ארבייטסלאָזע ווי אלע אנדערע אינדוסטריעלע לענדער. וואָס טהוט אָבער אָנקעל סעם פאר די קרבנות, וואס האָבען געלעגט דעם פונדאמענט פון זיין גרויסען רייכטהום? די ארבייטער־געזעצגעבנוג בכלל און די פער־זיכערונגס ארבייט בפרט שטעהט דאָ אויף א ניעדריגערער שטופע, ווי אפילו אין דעם דעספּאטישען רוסלאנד. די פעראייניגטע שטאאטען האלטען זיך נאך אלץ פאר דעם אלטען פערשימעלטען פרינציפּ פון ניט אריינמישען זיך. אמת, זיי קענען אויך דעם פרינציפּ ניט דורכפיהרען ביז'ן סוף: צו שרייענד איז דער ווידער־שפּרוך צווישען די פאדערונגען פון'ם היינטיגען לעבען און דער אבגעלעבטער טעאָריע פון אונפעראנטווארטליכקייט און ניט אריינ־מישען זיך. אזוי האָבען פיעלע סטייטס געמוזט דורכפיהרען דעם געזעץ, אז דער ארבייטער דארף בעלוינט ווערען פאר אונגליקען וואס טרעפען זיך וואס ווייטער אלץ מעהר מיט דעם ארבייטער אין די אינדוסטריען. אויך האָבען מיר אייניגע געזעצען, וואס בעשרענ־קען די ארבייט פון די פרויען און די קינדער. אין פערשיעדענע סטייטס געהט אן א בעוועגונג צו בעשטימען א מינימום שכירות, וואס זאל געבען דעם ארבייטער צו מאכען א לעבען חאטש ווען ער ארבייט. איין סטייט — דער סטייט ארעגאָן — האָט שוין אפילו אזא געזעץ דורכגעפיהרט פאר דער ארבייטער פרוי. אויף דעם געביעט פון ארבייטסלאָזיגקייט בלייבען אָבער אונזערע געזעצ־געבער נאָך אלץ טריי זייער אלטען פרינציפּ: זיי טהוען גאָר ניט, און ווי עס ווייזט אויס קלייבען זיי זיך אפילו ניט צו טהאָן עפּעס. זיי טרייסטען דעם ארבייטסלאָזען דערמיט, וואס זיינע שכירות זענען כלומר'שט גענוג גרויס, אז ער זאל זיך אליין קענען פער־זיכערען דורך אבשפּארען געגען דער ארבייטסלאָזיגקייט. די פאקטען צוקלאפּען אָבער דעם תירוץ פון די קאפּיטאליסטישע „פערזארגער“. לויט אלע חשבונות קען אן ארבייטער פאמיליע פיהרען אן אנשטענ־דיגעם לעבען נור דאן, ווען איהר ברויט־געבער פערדיענט לכל הפּחות 800 דאָלאר א יאָהר. לאָזט זיך אָבער אויס, אז דריי פערטיל

פון די דערוואקסענע מענער און נייןצעהן צוואנציגסטעל (ד. ה. כמעט אלע) פון די דערוואקסענע פרויען פערדינען וועניגער פון 600 דאלאר א יאהר. אויך וואקסט דא דער יקרות מיט א וואונדערבארער שנעלקייט, פיעל שנעלער ווי די ארבייטער שכירות. די מעכטיגע טראסטען דיקטירען דא די פרייזען און פיעלע *אמעריקאנער* פראדוקטען קאסטען דא *טייערער*, ווי אין אנדערע לענדער.

נייז, די באבע מעשה וועגען אמעריקא אלס א גאלדען לאנד פאר דעם ארבייטער געהערט אפשר דער פערגאנגענהייט. היינט קלינגט זי ווי א ניט געלונגענער וויץ, און דער אמעריקאנער ארבייטער דארף זיך נעהמען פאר דעם זעלבען געוועהר, וואס עס האט זיך ארויסגעוויעזען אלס זיעגרייך אין אנדערע לענדער. דער ארבייטער האט איבעראל צושטערט די טעאריע פון ניט אריינמישען זיך. ווען דער ארבייטער אין אמעריקא וועט נעהמען מיט ענערגיע און מוטה, וועט זיך די אמעריקאנער געזעלשאפט אויך מוזען אפזאגען פון איהר געליעבטען פרינציפ. די רייכע אמעריקא איז איצט אויסגעהונגערט. די שטארקע ארבייטסלאזיגקייט — 22 פון יעדען הונדערט אין די רוהיגע צייטען — שוואכט אפ דעם ארבייטער אין אלע זיינע קעמפפע אויף די אלע געביעטען. זי דריקט אויף די פרייזען אזוי גוט ווי אויף דעם ארבייטסטאג. די אנגעשטרענגטע אינדוסטריע מאכט דא די קאטאסטראפעם — די קריזיסען — פיעל שעדליכער ווי איבעראל. דער ארבייטער קען מיט זיינע קלאגעדיגע שכירות ניט דעקען די קאסטען פון דער לאנג-דויערענדער ארבייטסלאזיגקייט און עס בלייבט איהם נור דער אויסוועג וואס די סאציאליסטישע פארטיי וועיזט איהם.

אונטער דער פאהן פון דער סאציאליסטישער פארטיי, וואס שטרעבט אפצושאפען די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט מיט אלע איהרע טרויעריגע בעגלייטער, מוז דער ארבייטער אין אמעריקא, שוין אויף'ן פלאץ, אנהויבען אן ענערגישען קאמפף פאר ארבייטער געזעצען בכלל און פיר דער סאציאלער פערזיכערונג נעגען ארבייטסלאזיגקייט בעזונדער. דערביי מוז מען גדענקען, אז די ארבייטער פערזיכערונג, אפילו לויט דעם ענגלישען מוסטער, איז נור א טהייל

פון'ם גרויסען חוב, וואס די געזעלשאפט איז שולדיג דעם ארביי־טער. דעם גאנצען חוב קען די היינטיגע געזעלשאפט ניט בע־צאָהלען. כדי דער ארבייטער זאָל דעם גאנצען חוב בעקומען, מוז די היינטיגע קאפיטאליסטישע געזעלשאפט אפגע־שאפט ווערען, ווייל בלויז א סאָציאליסטישע געזעלשאפט וועט זיין בכח צו געבען דעם ארבייטער די פולע בעלוינונג פאר זיין פראצע.

ווידער, איז ניט אויסגעשלאסען די מעגליכקייט, אז אמעריקא זאָל געהן ווייטער ווי ענגלאנד, ד. ה. אז א גרעסערע צאָהל ארביי־טער זאָל פערזיכערט ווערען, אז דער קאפיטאל און די רעגיערונג זאָלען גרעסערע חלקים צאָהלען (און אפשר טאקע אלעס) און אז ארבייטסלאָזע בענעפיטען זאָלען מעהר הארמאָנירען מיט די לע־בענס־קאָסטען.

לאנגע יאָהרען איז דייטשלאנד געווען דאס קלאסישע לאנד פון ארבייטער פערזיכערונג. ענגלאנד איז געזעלשאפטליך געשלאָ־פען. האָט זיך אָבער ענגלאנד אויפגעכאפט האָט זי מיט אמאָהל א שטאַרקען שפרונג געגעבען און טהיילווייז זאגאר איבערגעיאָגט דייטשלאנד.

אמעריקא כאפט זיך איצט אויך אויף. דער פארהאנג, וואס האָט די אַריקמקייט פון איהרע אונטערדריקטע קלאסען פערדעקט איז אויפגעהויבען. און די פאקטען רעדען. זיי רעדען מיט א גרוי־סען איבערצייגענדען כח. זיי פאָדערען, אז דאס לאנד, וואס האָט געגעבען אזוינע גרויסע עקאָנאָמישע מעגליכקייטען די איינצעלנע, די אויסגעקליבענע, זאָל איצט אונערשראָקען ווייזען דעם ביישפיעל פון גרויסען פאָליטיש־עקאָנאָמישען אויפטהו פאר די גרויסע ברייטע ארבייטער מאסען. אָט דעם אויפטהו פאָדערט די סאָציאַ־ליסטישע פארטיי, און איהר פאָדערונג דריקט אויס דעם ווילען פון דער אויסגעהונגערטער און ערוואכטער אמעריקא.